Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT פרייז 20 גראשען

הײנט 8 זײטען.

# נייער פאלקסבלאט

אונפארטייאישע פאליטיש-געזעלשאפטליכע טאג-צייטונג

| Nr. 300/1595 | לאדז, דינסטאג, יב טבת תרפ"ט | זעקסטער יאהרגאנג | Łódź, Wtorek 25 grudnia 1928 r. | Nr. 300/1595 |
|---|---|---|---|---|

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 24-71. | אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פיעטריקאווער 21, טעל. 24-71

# אונטערהאנדלונגען וועגען דייטש-פוילישען האנדעלס-אפמאך

## וועלען בענייט ווערען דעם 9-טען יאנואר.

בערלין, 24. (ספ. טעל.) די תשובה פון דער פוילישער רעגירונג וועגען די פעראנדלונגען בנוגע דעם דייטש-פוילישען האנדעלס-טראקטאט איז נעכטען בעטראכט געווארען דורכ'ן דייטשען מיניסטארען-קאבינעט. אין די דייטשע רעגירונגס-ספערען האלט מען דעם פוילישען ענטפער אלס גענוגענדען גרונד צו די ווייטערדיגע פעראנדלונגען פון דער פוילישער און דייטשער דעלעגאציעס.

דער שעף פון דער דייטשער דעלעגאציע מיניסטער הערמעס שלאגט פאר, אז ס'זאלען פארקימען דירעקטע אונטערהאנדלונגען צווישען די שעפען פון די דעלעגאציעס. אויף די דאזיגע דירעקטע אונטערהאנדלונגען זאלען פעסטגעשטעלט ווערען די יסודות פון קומענדיגען אפמאך.

די אונטערהאנדלונגען זאלען זיך אנהויבען דעם 9 יאנואר.

בערלין, 24 (אטע) די לאנדווירטשאפטס-קאמער אין קייזערלאוטערן האט ארויסגעגעבען א מעלדונג וועגען דער לאגע פון דער דייטשער לאנדווירטשאפט אוןווארנט די רעגירונג, אז זי זאל נישט שליסן קיין האנדעלס-אפמאך מיט פוילען, אויב ס'וועלען נישט אבגעהיט ווערען די אינטערעסען פון דער דייטשער לאנדווירטשאפט. אויב דאס זאל נישט געשעהן וועלען די קליינע דייטשע ווירטשאפטען רואינירט ווערען.

אויב די דייטשע רעגירונג וועט געהן אויף הנחות לגבי פוילען, וועלען די דייטשע לאנדווירטשאפטער פאדערן אפצושאפען דעם צאל אויף לאנדווירטשאפטס-מאשינען און וועלען בויקאטירען די דייטשע אינדוסטרי, וועלכע שטרעבט אזוי שטארק צו שליסן דעם האנדעלס-טראקטאט.

## איז מאסקווע זענען נישט געווען קיין אומרוהען און ס'איז נישטא קיין הונגער.

ווארשא, 24 (טעלעפאניש) די סאוויעטישע פרעסע-אגענטור טאסס פערעפענטליכט פאלגענדען קאמוניקאט: טראץ די לעצטע קאמוניקאטען פון טאסס, וועלכע טיילען מיט וועגען דעם פאקטישען אפראוויזאציע-צושטאנד אין מאסקווע, ברענגט א טייל פון דער אויסלענדישער פרעסע א רייה אויסגעטראכטע ידיעות וועגען הונגער און אונארדנונגען אין מאסקווע. די טאסס-אגענטור לייקענט נאך אמאל קאטעגאריש אפ די אויסגעטראכטע ידיעות.

נישט אין מאסקווע, און נישט ערגיץ אנדערשוואו אין סאוויעט-רוסלאנד איז נישטא קיין הונגער. דאס בעזארגען מאסקווע מיט לעבענס-מיטלען קומט פאר אהן איבעררייס. א געוויסער מאנגעל אין געבעקס, וועלכער ס'האט זיך געלאזט פיהלען אין די לעצטע טעג אין איניגע טיילען פון שטאט, ווייל מ'האט נישט גלייך פערטיילט דאס מעהל, איז איצט שוין בעזייטיגט. איצט איז אין מאסקווע פארהאן גענוג ברויט און ס'זענען נישטא קיין אגאנקעס פאר די געוועלבער מיט לעבענס-מיטעל-ארטיקלען.

## יודיש-אראבישער מלוכה אין ארץ-ישראל.

ירושלים 24 (טעלעגראפיש דורך י.ט.א.) די ליגע פאר יודיש-אראבישער פרידליך צוזאמענלעבען האט אין „פאלעסטיין-ביולעטין" פערעפענטליכט אנ'אויפרוף מיט א פלאן, אז אין ארץ-ישראל זאל געשאפען ווערען א יודיש-אראבישע מלוכה מיט גלייכע רעכט פאר ביידע פעלקער, נישט קוקנדיג דערויף וואס ס'האט די מעהרהייט אין לאנד. עס זאל אויך גאראנטירט ווערען פאר יודען די יודיש-נאציאנאלע היים.

## שטאט-ראט-וואהלען אין תל-אביב.

### ס'זענען אריינגעטראגען געווארען 13 ליסטעס.

ירושלים, 24 (טעלעגראפיש דורך י.ט.א.) צו די שטאט-ראט-וואהלען אין תל אביב זענען אריינגעטראגען געווארען 13 ליסטעס, דערפון 4 ארבייטער-ליסטעס. די מזרחי האבען אריינגעטראגען 2 ליסטעס: איינע פון די אלגעמיינע „מזרחי" און די צווייטע פון „הפועל-המזרחי". די וואהלען קומען פאר דעם 27 דעצעמבער.

אכטונג! חברים און מיטגלידער פון

## חסד-של-אמת.

מיר פאדערן אויף אלע מיטגלידער וואס פאהרען אויפ'ן ביה"ח אויף

## א דרינגענדע בעראטונג

וואס וועט פארקומען מארגען, מיטוואך, פ' ויחי, 26 דעצעמבער 6 א זייגער אין אווענד אין אייגענעם לאקאל. קומט מאסענווייז!

די פערוואלטונג.

## זאל פילהארמאניע

20 נארוטאוויטשא 20

שבת, דעם 29. דעצעמבער

פינקטליך 11 א זייגער אינדערפריה קומט פאר

## א פארלעזונג

פון ה' **זרבבל**

— — — אויף דאס טעמא: — — —

„קריזיס, אויפשטייג, פערספעקטיווען אין ליכט פון דער פאלעסטינער ווירקליכקייט"

בילעטען שוין צו בעקומען אין דער געזעלשאפט אווענד-קורסען זגערושער 17 יעדען אווענד, פרייטאג פון 3 ביז 6 אין אווענד, און אין טאג פון דער פארלעזונג אין דער קאסע פון פילהארמאניע,

3343

## האנדווערקער-פעראיין, אגראדאווע 9.

שבת, דעם 29-טען דעצעמבער, 5 א זייגער אין אווענד קומט פאר אין אייגענעם לאקאל אויף אגראדאווע 9

## א פארלעזונג פון ה' ראטמ. י. ליכטענשטיין

— — אויף דאס טעמא: — —

„דער יוד. בעל-מלאכה אין לעבן און אין דער ליטעראטור"

בילעטען צום פרייז פון 50 גראשען בעקומט מען שוין אין דער פעראיינס-קאנצעלאריע און אין „ארבייטער-ווינקעל" פאלודניאווא 20.

3342

## געזעלשאפט „אינטערנאט פאר יודישע קינדער און פערמע אין העלענובעק (גמ. ראדאגאשטש").

דערמיט מאכען מיר בעקאנט, אז די

## אלגעמיינע פערזאמלונג

פון די מיטגלידער, וועלכע איז געווען פאראויסגעזעהן אויף היינט, דינסטאג, דעם 25. דעצעמבער אין לאקאל פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין לאדז (צעגעלניאנא 4), וועט פארקומען זונטאג, דעם 30. דעצעמבער 1928 אין דעם זעלבען לאקאל מיט דעם זעלבען טאג-ארדנונג 4 א זייגער נאכמיטאג צום ערשטען טערמין, אדער 6 אין אווענד צום צווייטען טערמין, אונאבהענגיג פון דער צאהל ערשיינענדע מיטגלידער.

3333 די פערוואלטונג.

נאך קורצע און שווערע ליידען איז נעכטען געשטארבען אין עלטער פון 78 יאהר אונזער ליבער פאטער, גרויספאטער, אורגרויספאטער, שווערפאטער, ברודער און אנקעל

## נ"ע משה פנחס איצקאוויטש

די לויה קומט פאר היינט, דינסטאג, דעם 25 דעצעמבער ד. י. 1 א זייגער בייטאג פון טרויער-הויז פאדזשעטשנא (יודישע גאס) 6, וועגען וואס עס טיילט מיט

די טיפטרויערנדע פאמיליע.

צו דער פערלאבונג פון אונזער ליבען ברודער און שוואגער

ה' הערש מאיר רעכט

מיט פרל. רבקה לעסמאן

גראטולירען מיר הערצליך און ווינשען א גליקליכע צוקונפט

ברודער אהרן בער רעכט און פרוי.

## א געוועלב-איינריכטונג

פאסט נאר, נישט מער, נאאנגנעם אויף גאלאנטעריע, אדער מאנופאקטור, הויל איך פערקויפען. — אנצוקוקען שוין אויף זשנאמסקא 52, ה. 6.

אונזער מוזיקאלישען לייטער, דעם ליבען חבר, קאמפאזיטאר

## דוד בייגעלמאן

און זיין פרוי

צו דער בר-מצוה פון זייער זוהן פנחס

ווינשט פיל פרייד

דער „ארדט".

